**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון סעריע פארפלייצונג באפעסטיגונג פראיעקטן אין סיטי אָוו אגדענסבורג, סעינט לאורענס קאונטי**

***מער פון 8.3 מיליאן דאלאר צו סטאבילידירן ברעגעס און באשיצן גרינג-פארפלייצטע פובליק פלעצער לענגאויס סעינט לאורענס ריווער***

***טייל פון סטעיט'ס 300 מיליאן דאלארדיגע 'באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו'***

***בילד פון באנייאונג צערעמאניע פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א סעריע פון פארפלייצונג באפעסטיגונג פראיעקטן אין די סיטי אָוו אגדענסבורג, סעינט לאורענס קאונטי. די פיר פראיעקטן זענען געשאנקען געווארן כמעט 8.3 מיליאן דאלאר אין גרענט פינאנצירונג דורך ניו יארק סטעיט'ס לעיק אָנטאַריאו [באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו]() (Resiliency and Economic Development Initiative, REDI). יעצט אז זיי זענען פארענדיגט, וועלן די REDI-פינאנצירטע פראיעקטן העלפן לינדערן די סכנות פון צוקונפטיגע הויכע וואסער שטאפלען און פארשטערקערן די באפעסטיגונג פון די ברעגעס.

"די פארענדיגטע REDI פראיעקטן אין די סיטי אָוו אגדענסבורג באשיצן די פובליק זיכערהייט, בויען אויף באפעסטיגונג לענגאויס די סעינט לאורענס ריווער ברעגעס און שאפן פארוויילונג געלעגנהייטן פאר די קאמיוניטי, ערפילנדיג פילע פון די הויפט ציהלן פון די ערפאלגרייכע ניו יארק סטעיט איניציאטיוו", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארענדיגונג פון די שטאט'ס פראיעקטן איז א טריט פאראויס ביים ארויסנעמען די פולע פאטענציאל פון די אגדענסבורג וואסער ברעגעס."

אין 2019 האט די סעינט לאורענס ריווער געהאט רעקארד-הויכע וואסער שטאפלען וועלכע האבן פאראורזאכט שרעקליכע פארפלייצונגען אריבער קאמיוניטיס לענגאויס די טייך'ס ברעגעס. די געשעענישן האבן געשעדיגט פובליק אינפראסטרוקטור און באגרעניצט די פובליק באנוץ מיט פאפולערע טוריסט דעסטינאציעס ווי די מאָריסעט פארק און די שטאט'ס פובליק דאקס, האבנדיג א נעגאטיווע ווירקונג אויף די פובליק זיכערהייט און אויף לאקאלע עקאנאמיעס.

די היינטיגע אנאנס רעכנט אריין:

- **מאָריסעט פארק און שטאט'ס דאק, $4,875,000:** מאָריסעט פארק איז א פאפולערע פלאץ פאר איינוואוינער און באזיכער פון די סיטי זיך צוזאמצוקומען, מיט א טעניס פעלד, א האלצערנע שפיל ארט און פובליק פארקינג. פארפלייצונגען און כסדר'דיגע שטורעמס האבן ערנסט אפגעשווענקט די פארק'ס ברעגע און האבן געשעדיגט די עקזיסטירנדע

טייך וואנט, שטעלנדיג די פארק אינפראסטרוקטור און די דערנעבנדע סוּער וואסער פּאמפּ סטאנציע אין סכנה. דורכאויס פארפלייצונגען זענען די אינעווייניגע פארק געסל און פארקינג לאט באדעקט געווארן מיט וואסער און באשטימט געווארן צו זיין אומזיכער פאר באנוץ, צווינגענדיג די שפּיל ארט צו פארמאכט ווערן. באפעסטיגונג מאסנאמען וועלכע זענען דורכגעפירט געווארן אין דעם פראיעקט האבן אריינגערעכנט ארויפגיסן שיכטן פון ערד און אויסגראדן צו העכערן די פארק און די דערנעבנדע Caroline Street מיט צוויי ביז דריי פיס. עקזיסטירנדע איינריכטונגען אויפן ארט אריינרעכענענדיג שטורעם וואסער סטרוקטורן, פער-אויסגעפלאסטערטע וועגן, צעמענטענע טראטוארן, דענקמאלן פון גראניט שטיין און די באלייכטנוג פון די פארק זענען איבערגעמאכט אדער פארבעסערט געווארן זיי צו צופאסן צו די העכערע ערד. א נאטור-באזירטע שטיינערנע ברעג באשיצונג איז אינסטאלירט געווארן אויף די ברעגעס צפון-מזרח פון מאריסעט פארק כדי צו פארשטערקערן די באפעסטיגונג פאר די אויסגעשטעלטע העכערע טייל פון די טייך ברעגע פון צוקונפטיגע הויכע וואסער שטאפלען און פארשוועמנדע כוואליעס. די נאטור-באזירטע באשיצונג האט באשטאנען פון 'ריף-רעף' שטיינדלעך ביי די עק פון די וואסער צוזאמען מיט אויסגעלייגטע 'טעפּעכער' מיט פלאנצונגען וואס קענען קאנטראלירן אפשווענקונג ארויף די בארג פון די ריף-רעף שטיינדלעך. די דערנעבנדע שטאטישע דאק'ס אייזערנע וואנט איז געהעכערט געווארן מיט צוויי פיס צו באשיצן מאריסעט פארק פון צוקונפטיגע עקסרעמע פארפלייצונגען.

- **מוניציפאלע שיף פארט נעבן Dobisky Center, $911,973:** די אגדענסבורג מוניציפאלע שיף פארט וואס שטייט אויף די סעינט לאורענס ריווער האט איבער 70 שיף פלעצער, צוציהענדיג פארוויילונגס שיפלער און פישערייִ ליבהאבער צו די שטאט. העכערע וואסער שטאפלען האבן געפירט צו סטרוקטורישע שאדן צו די שיף פארט'ס וואנט, פאראורזאכנדיג אז די שיף פארט זאל נישט קענען גענוצט ווערן און באדייטנדע שאדנס פון שטורעם וואסערן. כסדר'דיגע פארפלייצונגען האבן אפגעשווענקט די ברעגע פון די מוניציפאלע שיף פארט, לאזנדיג די שיף פארט אומבאשיצט פון הויכע וואסערן און שעדליכע כוואליעס. דאס האט געפירט צו אומזיכערע אומשטענדן פאר באניצער און צו א צייטווייליגע אפשפארונג פון א טייל פון די פארק וואס האט אין זיך א פאפולערע 'גאזיבאָו' בודקע און א באורדוואלק נעבן די Dobisky Center. די פארענדיגטע ארבעט האט סטאביליזירט די זייט פון די טייך פון די מוניציפאלע שיף פיער דורכן אינסטאלירן אנגעהויפנטע אייזערנע שיטס און 'ריפּ-רעפּ' שטיינער צו באשיצן די ברעגע אויף די דרום ברעגע פון די מוניציפאלע שיף פארט, און אזוי אויך דאס העכערן די עקזיסטירנדע 'גאזיבאָו' סטרוקטור מיט בערך איין פוס.
- **גרינבעלט פארק, $530,000:** גרינבעלט פארק געפונט זיך נעבן די צוזאמגיס פון די אָסוועגאַטשי און סעינט לאורענס ריווערס. בערך 680 פיס אין די לענג פון די וואסער ברעגע מיט 'ריפּ-רעפּ' שטיינער באשיצונג זענען געשעדיגט געווארן דורך אפטע כוואליעס. די שוואכע ברעגע באשיצונג האט גורם געווען אז וואסער זאל פארבלייבן איבער פיל פון די גרינע שטחים, פארקינג לאט און פארק שיפל ראמפע דורכאויס צייטן ווען די טייך איז הויך. פארפלייצונג באשיצונג מאסנאמען זענען באשטאנען פון 'ריפּ-רעפּ' שטיינער ברעגע באשיצונג און פארברייטערן די עקזיסטירנדע ריפּ-רעפּ צו באשיצן די העכערע טייל פון די ברעג וואס איז דערוייל אויסגעשטעלט פון צוקונפטיגע הויכע וואסער שטאפלען און פארשוועמנדע כוואליעס.
- **מעיפל סיטי טרעיל, $2,000,000:** די מעיפל סיטי טרעיל געפונט זיך אויף די ברעגעס פון די אָסוועגאַטשי ריווער, א גרויסע טייך וואס גיסט זיך אריין אין די סעינט לאורענס ריווער. פארפלייצונגען האבן פאראורזאכט אז די 100-יעריגע ליימסטאָון שטיינערנע וואנט אויף די זייט פון די וואסער לענגאויס די טייך זאל אפגעשוואכט ווערן אונטן, שעדיגנדיג די וואנט'ס גראדקייט און סטרוקטורישע שטארקייט. די שאדן צו די וואנט האט

געשטעלט א פובליק זיכערהייט סכנה פאר די באניצער פון די טרעיל. דער פארענדיגטער פראיעקט פארמערט די באפעסטיגונג פון די טרעיל אינערהאלב די שטח פון דעם פראיעקט דורכן רעדוצירן די אויסזיכטן פון פארפלייצונג, אפשווענקונג פון די טייך ברעג און שאדנס צו פארמעגן פאראורזאכט דורך הויכע וואסער שטאפלען. דער פראיעקט האט אריינגערעכנט א נייע פון-פאראויס-געגאסענע צעמענטענע וואנט אין בלאקס (1,200 פיס אין די לענג) צו ערזעצן די לייםסטאָון/צעמענטענע וואנט. די אויבן פון די נייע וואנט איז געמאכט געווארן אויף א הייך פון 252 פיס העכער וואסער (צפון זייט), 253.5 פיס (מיטעלע חלק) און 255 פיס (דרום זייט, נעבן דאמבע) צו באשיצן די ברעגעס פון דעם אז טייך שטאפלען זאלן ווערן העכער פון די וואנט דורכאויס צוקונפטיגע פארפלייצונג געשעענישן. די שטח פון הונטער די נייע וואנט איז געהעכערט געווארן, און די עקזיסטירנדע געשעדיגטע טרעיל איז איבערגעבויט געווארן און באקומען נייע לענדסקעיפינג.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "באפעסטיגטע אינפראסטרוקטור פראיעקטן פון די סארט זענען א וויכטיגע עלעמענט פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן און פארבעסערן לעיק אָנטאַריאָ און סעינט לאורענס ריווער ברעג קאמיוניטיס. דער פראיעקט וועט העלפן לינדערן די ווירקונגען פון הויכע וואסערן אין די סיטי אָוו אגדענסבורג אין די צוקונפט, בשעת'ן אויך באַרייכערן די עקאנאמיע, די ענווייראמענט און די אלגעמיינע שטאנדהאפטיגקייט פון די שטאט און ראיאן. דער פראיעקט האט אויך ערגענצט די סטעיט דעפּארטמענט'ס לאנגיאריגע באפעסטיגונג און אויפלעבונג באמיאונגען אין אגדענסבורג דורך אונזער 'לאקאלע וואסער ברעג אויפלעבונג פראגראם (Local Waterfront Revitalization Program) און דעם פארפעסטיגטע שטחים געלעגנהייטן (Brownfield Opportunity Area) פראגראם."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער און איינער פון REDI קאמיסיע פארזיצער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס REDI איניציאטיוו זעצט פאר מיט איר אנגעהאלטענע רעקארד פון פארשריט באשיצנדיג קאמיוניטיס לענגאויס לעיק אָנטאַריאָ און די סעינט לאורענס ריווער, פארזיכערנדיג אז קריטישע אינפראסטרוקטור איז גרייט צו ביישטיין שווערע שטורעמעס און הויכע וואסער שטאפלען. די סטעיט'ס סטראטעגישע אינוועסטירונגען שטעלן צו פאר קאמיוניטיס אויפן ברעג, ווי די סיטי אָוו אגדענסבורג, די מומחיות'שאפט און הילפס-מיטלען וואס זענען נויטיג צו סטאביליזירן און באשיצן די ברעגעס בשעת'ן באַרייכערן פארוויילונג געלעגנהייטן פאר איינוואוינער און באזיכער, שטיצנדיג דערמיט די עקאנאמישע לעבהאפט פון די הערליכע קאמיוניטי אויפן טייך ברעג."

**ניו יארק פּאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO און סעינט לאורענס קאונטי REDI קאמישאנער, דזשאָסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "די פראיעקטן וואס זענען היינט פארענדיגט געווארן ברענגען לאנג-טערמיניגע לייזונגען וועלכע פארבעסערן עקאנאמישע אנטוויקלונג און די לאקאלע עקאלאגישע סיסטעם לענגאויס לעיק אָנטאַריאָ און סעינט לאורענס ריווער ברעגעס. דורך די אוועקשטעלונג פון די REDI קאמיסיע, האט ניו יארק געארבעט מיט לאקאלע רעגירונגען, ביזנעסער און היים אייגנטימער אויף פראיעקטן צו איבערבויען און באפעסטיגן קאמיוניטיס אויף די ברעגעס מיט די נויטיגע אינפראסטרוקטור צו באקעמפן עקסטרעמע וועטער געשעענישן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאָי, האט געזאגט**, "די היינטיגע אנאנס דורך גאווערנער האקול זאגט גאר אסאך איבער וואס מיר קענען אלץ דערגרייכן ווען די סטעיט רעגירונג ארבעט צוזאמען מיט אונזערע לאקאלע שותפים צו איבערבויען און באַרייכערן אויף א שטאנדהאפטיגן אופן פארוויילונג ערטער אין פארפלייצונג-געשעדיגטע קאמיוניטיס לענגאויס לעיק

אָנטאַריאָ און די סעינט לאורענס ריווער. צוזאמען נעמען מיר אונטער די נויטיגע שריט צו באַרייכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער און גיבן א שטופ פאראויס פאר די ראיאן'ס טוריזם עקאנאמיע."

**סטעיט סענאטאר מארק וואַלטשיק האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די פראיעקטן מאכן די פאדערשטע הויף פון אמעריקע סיי באפעסטיגט און סיי הערליך. די אויפרעכטונג פון וואסער ברעג שטחים אין די 'מעיפּל סיטי' זענען וואונדערבאר פאר טוריזם אין אמעריקע'ס שטאט אויף די סעינט לאורענס."

**אסעמבלי מיטגליד סקאט גרעי האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די REDI פראיעקטן אין אגדענסבורג באצייכנט א באדייטנדע דערגרייכונג פאר די שטאט, מיט א סך הכל גרענט פון איבער 8.3 מיליאן דאלאר. די פראיעקטן האבן אריינגערעכנט די פרעזערווירונג און ברעגע אויפלעבונג אין מאריסעט פארק און די שטאטישע דאק, מיט באקוועמליכקייטן ווי א טעניס פעלד און א שפילארט, און אזוי אויך די באפעסטיגונג פארשטערקערונג און באשיצונג פון די מוניציפאלע שיף פארט און פיער נעבן Dobisky Center, צוציהענדיג שיפלער און פישערייַ ליבהאבער. אין צוגאב איז גרינבעלט פארק'ס 'ריפ-רעפּ' שטיינדלעך אויף די וואסער ברעג אויפגעראכטן געווארן און, צום לעצט, די אויפרעכטונג פון די מעיפל סיטי טרעיל וואס ביישטייערט צו די שטאט'ס נאטורליכע שיינקייט און פארוויילונג געלעגנהייטן. די REDI קאמיסיע און די סיטי אָוו אגדענסבורג האבן געמאכט א באדייטנדע אינוועסטירונג צו פארבעסערן די שטאט'ס וואסער ברעג ערטער."

**סעינט לאורענס קאונטי טשעירמאן דעיוויד פאורסייט האט געזאגט,** "איך בין געוואלדיג ערמוטיגט צו זעהן די וויכטיגע פראיעקטן פארענדיגט לענגאויס די סעינט לאורענס ריווער אין די סיטי אָוו אגדענסבורג. די טייך ברעג איז די בעסטע אוצר וואס די שטאט האט צו אפפערן. אלס פארטרעטער פון די דיסטריקט 2, וואס רעכנט אריין די סיטי אָוו אגדענסבורג, און אזוי אויך אלס א ביזנעס אייגנטומער פאר 37 יאר אין די שטאט — זאג איך איז די פלאץ אין די שטאט וואו די פראיעקטן זענען פארגעקומען פון די שענסטע שטחים וואס איז דא אין די קאונטי. צו זעהן דעם פראיעקט ווערנדיג פארווירקליכט און פארגעשטעלט מיט די הילף פון ניו יארק סטעיט וועט זיכער האבן א השפעה אויף די ערהוילונג באמיאונגען וואס ווערן געמאכט דורך די שטאט. מיר זענען דאנקבאר פאר די שותפות מיט ניו יארק סטעיט און פאר די אנגייענדע קאנצענטראציע צו פארענדיגן REDI פראיעקטן אין סעינט לאורענס קאונטי."

**אגדענסבורג מעיאר דזשעף סקעלי האט געזאגט,** "ארבעט צו פארבעסערן די שטאט'ס וואסער ברעגעס און די שטח פון די מעיפּל סיטי טרעיל וואס איז אין די צורה פון א האלבע לבנה לענגאויס די אָסוועגאַטשי ריווער קאכט זיך שוין פאר יארן, און עס האט פארמישט קאארדינאציע צווישן מערערע סטעיט, פעדעראלע און לאקאלע רעגירונג בעאמטע און אגענטורן. באזונדערס האט אונזער אייגענע אגדענסבורג פלאנירונג און אנטוויקלונג אפיס, אנגעפירט דורך צייטווייליגע סיטי מענעדזשער ענדריע סמיט, געארבעט מידלאז צו ברענגען דעם פראיעקט צום פארענדיגונג. יעצט אז דער פראיעקט איז פארטיג, וועלן שטאטישע איינוואוינער און באזיכער צו אונזער קאמיוניטי קענען בעסער געניסן פון אונזערע אייגנארטיגע וואסער ברעגעס לענגאויס סיי די סעינט לאורענס און סיי די אָסוועגאַטשי ריווערס. איך וויל באדאנקען יעדן וואס איז געווען פארמישט."

אין אפרוף צו די כסדר'דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט REDI צו פארמערן די באפעסטיגונג פון קאמיוניטיס אויף די ברעגעס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, וועלכע באשטייען פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס), זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דורך REDI, האט די סטעיט זיך פארפליכטעט צו צאלן ביז אזויפיל ווי 300 מיליאן דאלאר

צו בענעפיטירן קאמיוניטיס און פארמערן די באפעסטיגונג אין ראיאנען וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען לענגאויס לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס ריווער.

זינט די סטעיט'ס REDI פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין פרילינג פון 2019, זענען שוין 134 REDI-פינאנצירטע ארטיגע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, אריינרעכענענדיג 28 פראיעקטן וועלכע זענען אין די דעזיין שטאפל, 39 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפלען און 67 פארענדיגטע פראיעקטן.

פאר נאך אינפארמאציע, פראפילן פון די פראיעקטן און פאר REDI נייעס, דרוקט דא.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן